# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**מהודרת אחת שאלתי**

**לע"נ הרה"ח ר' חיים שמואל מאיר ב"ר יצחק פינחס וואלהענדלער ז"ל**

נלב"ע כ"ב שבט תשע"ב לפק

## פרשת יתרו

# אן אויער וואס הערט מוסר

**פרנס השבוע**

נדבת השבוע נתנדב

**לזכות כל הרוצים להתקרב לעבודתו יתברך שמו,**

**ובפרט בעניני שמירת העניים!**

◆◆◆

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה, שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.

רב אביגדור מיללער'ס

# Marriage Insurance

יסודות'דיגע שיעורים אויף

**בנין בית נאמן בישראל**

געבויט אויף די קלארע און
לויטערע תורה השקפה פון
הרה"צ ר' **אביגדור**
**מיללער** זצוק"ל



פארגעלערנט דורך

**הרב פינחס וואלהענדלער שליט"א**

יו"ר ארגון תורת אביגדור

בהסכמת גדולי הרבנים

פלעצער זענען באגרעניצט, רופט שוין:
(732) 844-3670 ext. 4
RavMillerMarriage@gmail.com

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*

**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת יתרו

שנה ג'

# אן אויער וואס הערט מוסר

תוכן:

חלק א. די אויפגאבע פון צוהערן - חלק ב. צוהערן מוסר - חלק ג. רעזולטאטן פון צוהערן

## חלק א. די אויפגאבע פון צוהערן

### צווישן די גרויסע

איינע פון די גאר שטוינענדע פאסירונגען אין די היסטאריע פון דאס אידישע פאלק איז דאס אז א גוי מיט'ן נאמען יתרו, וואס ווי עס זעט אויס ווייסט מען נישט פון ווי ער האט ארויסגעשפראצט און ער איז געווארן איינער פון די גרויסע לייט אין אונזער היסטאריע. עס איז נישט קיין ספק אז די געשיכטע פון יתרו ברענגט אונז צו שטוינען; דער אמת איז, אז אויב מיר לערנען אדורך די נאכפאלגנדע געשעענישן וואס די תורה שרייבט פון מענטשן וועלכע זענען געווארן באמת גרויס, קענען מיר אבער ארויסהייבן די געשיכטע פון יתרו אלס די מערסטע אויסנאם פון אלע. דער בלויזער פאקט אז מיר האבן א פרשה וואס ווערט אנגערופן 'יתרו' איז אומגלויבליך - דאס מיינט אז זיין נאמען איז פאראייביגט געווארן מיט שעצונג.

און נישט נאר וואס יתרו האט א פרשה מיט א נאמען נאך אים אבער ער איז געווארן דער מקור פון די תורה. ווען יתרו האט זיך אנגערופן און געגעבן זיין הדרכה פאר משה רבינו שטייט (יתרו יח:כד) **וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה** - און משה האט געהערט. משה זאל צוהערן צו איינעם? מיר אלע הערן צו משה רבינו ווען עס קומט צו תורה! און דאך דא, משה הערט צו דאס קול פון יתרו. און נישט נאר וואס משה האט צוגעהערט; מיר אלע הערן צו! דער באשעפער האט געזאגט פאר משה ער זאל אננעמען יתרו'ס עצה און זיינע רייד זענען געווארן א טייל פון די תורה.

### אן אנגעזעענע פאמיליע

אלזא, אויב מיר באטראכטן די תורה בלויז אלס א זאמלונג פון געדאנקען און מחשבות און עפיזאדן, דאן וואלט עס נישט געווען אזא קשיא. אבער מיר פארשטייען אז עס איז פיל מער ווי דאס - יעדע ווארט אין די תורה איז א דבר ה'; ס'איז דאס ווארט פון דעם מלך מלכי המלכים, דער באשעפער פון די וועלט. און דער אייביגער פסק פון באשעפער איז לויט יתרו'ס עצה. ער האט

אנגענומען יתרו'ס רייד און אצינד איז עס תורה! די גמרא דערמאנט נאכאנאנד יתרו'ס ווערטער (זע סנהדרין ז., טז., יח, לד:, לו:), צו געבן אנווייזונגען ווי אזוי אויסצושטעלן א סדר פון שופטים, פון דיינים אין בתי דינים. ס'איז אומגלויבליך! א פרעמדער פון א ווייטע לאנד קומט צוגיין און זיינע רייד ווערן תורת ה'!

און דאס איז נישט געווען אן איינמאליגע פאסירונג; עס האט זיך נישט אפגעשטעלט דא, ווייל **בני בניו של יתרו ישבו בלשכת הגזית** - די אייניקלעך פון יתרו זענען געווען פון די הויפט חכמים אין די סנהדרין (סוטה יא.). אין לשכת הגזיז! די הויפטן פון די סנהדרין פונעם פאלק. דאס מיינט, אז מיר האבן אלעמאל צוגעהערט צו יתרו! ווייל צו וועמען האט דאס אידישע פאלק צוגעהערט? זיי האבן צוגעהערט צו זייערע פירער, וואס אין אלע דורות זענען יתרו'ס קינדער געווען צווישן די גרעסטע מנהיגים. ביז צום היינטיגן טאג האבן מיר גרויסע לייט וואס זענען אייניקלעך פון דעם מענטש. היינט ווייסן מיר נישט ווער זיי זענען אבער צווישן אונזערע גרויסע מנהיגים שטאמען טייל פון זיי דירעקט פון יתרו.

## אין זיינע פריערדיגע יארן

אלזא, היינט ווען מיר עפענען דעם חומש און מיר זעען די פרשה פון יתרו, זעט אונז אויס אז ער איז שוין געבוירן געווארן מיט'ן חומש אין זיין האנט; מיר טראכטן אז ער איז שוין באשטימט געווארן פון אנהייב צו האבן א פרשה אויף זיין נאמען. אבער אייגנטליך איז דאס ווייט פון דער אמת - ווייל אז מיר קוקן צוריק אויף יתרו'ס ערשטער פאך זעען מיר אז ער איז געווען א גלח פאר די עבודה זרה! און נישט בלויז א געצנדינער מיט א האלבע הארץ, ווי עס געפינען זיך היינט אזעלכע סארט גלחים, שוטים וואס טוען גארנישט מיט זייער לעבן. אה ניין, יתרו איז געווען אן ענטוזיאסטישער עובד עבודה זרה: פיטם עגלים לעבודה זרה - ער פלעגט אנפאשן די קעלבער פאר עבודה זרה (רש"י במדבר כה:יא).

ווען דאס קאלב איז געברענגט געווארן צו אים צו מקריב זיין פאר א געוויסע עבודה זרה, האט ער נישט בלויז געבעטן געלט פון דעם בעל הקרבן און עס גע'שחט'ן. "ניין," האט ער געזאגט, "איך קען נישט מקריב זיין אזא מאגערע קו - ס'איז נישט קיין כבוד פאר די געטשקע." און אזוי איז ער אליין געגאנגען און עס אנגעפאשעט. ער האט עס געהאלטן פאר א לאנגע צייט, עס געפיטערט, זיך אפגעגעבן דערמיט, ביז עס איז געווארן גרויס און פול. ער האט אוועקגעגעבן צייט דערפאר - צייט און אסאך געלט - ווייל ער האט געוואלט ברענגען דעם בעסטן קרבן צו די עבודה זרה.

און עס איז געווען פון דארט, פון זיין ווייניגער ווי גארנישט - א געצנדינער איז נישט נול; ער שטייט אונטער נול- פון דארט איז יתרו אויסגעשטיגן אזוי הויך, אז היינט צוטאגס שטייט ער אויף אן ארט ווי משה רבינו וואס געבט איבער תורה! ס'איז אומגלויבליך! ווי אזוי האט דאס פאסירט אז יתרו איז אויסגעשטיגן פון זיין א גלח פון עבודה זרה צום העכסטן שטאפל?

## ער האט געהערט און איז געקומען

עס לוינט א ווילע זיך אפצושטעלן און פארשטיין וואס האט אים געברענגט צו מצליח זיין, ווייל דאס איז עפעס וואס מיר אלע וואלטן געוואלט דערגרייכן - צו לעבן ערפאלגרייך אין די

אויגן פון באשעפער. צו שטייגן הויך אין זיינע אויגן, וואס קען זיין בעסער? און דערפאר דארפן מיר זיך פרעגן, וואס איז דאס געווען וואס האט געברענגט יתרו צו אזא הצלחה אז ביז היינט הערן מיר צו זיינע רייד?

ערקלערן די חז"ל אז דעם ענטפער טרעפן מיר אין די תורה. עס שטייט (יתרו יח:א) **וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ** - און יתרו האט געהערט, ער האט צוגעהערט. צו וואס האט ער צוגעהערט? **כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים לְמֹשֶׁה וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ** - צו אלעס וואס דער באשעפער האט געטון צו זיין פאלק ישראל. דער באריכט פון יציאת מצרים און קריעת ים סוף איז אנגעקומען קיין מדין - דאס איז געווען די נייעס פון טאג - און יתרו האט אויסגעהערט.

דער אמת איז, אז יתרו איז נישט געווען דער איינציגסטער מענטש וואס האט געהערט. **שָׁמְעוּ עַמִּים יִרְגָּזוּן** - אלע פעלקער האבן געהערט און זענען געווארן דערציטערט! **חִיל אָחַז יֹשְׁבֵי פְּלָשֶׁת** - א ציטער האט אנגעכאפט די מענטשן פון פלשתים! (שמות טו:יד). עס האט פאסירט עפעס וואס איז קיינמאל פריער נישט געשען! א פאלק זאל ארויסקומען פון מצרים?! ערשטנס, קיינער איז קיינמאל נישט ארויסגעקומען פון מצרים. איינמאל מ'איז אהין אנגעקומען, איז מען דארט פארבליבן אויף אייביג! אפילו א קו וואס איז אריין אין מצרים האט מער נישט געקענט ארויסגיין (סנהדרין לג.). און יעצט איז א גאנצע פאלק ארויס! און זיי זענען ארויס אויף אזא וואונדערליכער אופן, באגלייט מיט פאסירונגען וואס קיינער האט קיינמאל פריער אין די היסטאריע נישט בייגעוואוינט.

## ווערן אפעקטירט פון די נייעס

אלזא, איז עס נישט געווען קיין סוד - יעדער האט געהערט די נייעס. אבער פאר מערסטנס מענטשן איז עס געווען ווי וואסער וואס ווערט אפגעשאקלט פון א קאטשקע'ס רוקן. זיי האבן עס געהערט און פארגעסן. זייט נישט איבערראשט דערפון - ס'איז א מערקווירדיגער פאקט ווי פאסיוו מענטשן קענען זיין אפילו צו די וואונדערליכסטע פאסירונגען. אן ערעפלאן קראכט אריין אין ים און 276 מענטשן זענען אריינגעזונקען! 276 מענטשן זענען פארלוירן געגאנגען און דאס איז נייעס פאר בלויז איין טאג! און אפילו אין דעם איינעם טאג, איז עס בלויז נייעס - קיינער נייגט נישט צו אן אויער.

אדער אין גאיענע; א צערודערטער פארשוין האט צוזאמגענומען א געוויסער צאל מענטשן פאר זיין קָולט און ער האט זיי געטראגן קיין גאיענע צו אויפשטעלן א נייער ישוב, און נאך א שטיק צייט האט ער זיי אלעמען אויסגע'שחט'ן! 900 מענער, פרויען און קינדער האבן זיך אליין גע'הרג'ט אדער גע'הרג'ט איינער דעם צווייטן! אזעלכע נייעס וואלט געדארפט זיין אין די הויפט קעפלעך פון די צייטונגען פאר וואכן און וואכן, באגלייט מיט רעגירונגס אויספארשונגען! עס וואלט געדארפט פאראורזאכן אן איבערקערעניש! וואס גייט דא פאר? ווי אזוי קען אזא זאך פאסירן? אבער יעדער איז פארשטומט. דאס איז דער וועג פון מענטשן; זיי זענען ווי א סטאדע וואס גייט נאך דעם וועג וואס פירט צום שלאכטהויז אן זיך אפצושטעלן א מאמענט צו אויסהערן דעם מעסעזש וואס ליגט דערין, צו הערן און אריינטראכטן.

אזוי איז עס אויך דאן געווען - די פעלקער האבן געהערט אבער זיי האבן נישט דערהערט די לערעס וואס די איבערקערענישן האבן געדארפט אויסלערנען. מצרים, גאיענע, ס'איז אלעס די

זעלבע - וואס האט עס צו מיר? וואס האט עס צו טון מיט מיר? דאס איז דער צוגאנג פון מענטשן - זיי הערן אבער זיי דערהערן גארנישט. אבער יתרו איז געווען אנדערש - ער האט געהערט די זעלבע זאך וואס יעדער האט געהערט, אבער 'וישמע **יתרו**', יתרו האט אויסגעהערט!

## א צוהערנדער אויער

דאס איז וואס האט געמאכט יתרו אנדערש: **שמע ובא** - ער האט געהערט און ער איז געקומען. ער איז געווארן אזוי גערירט פון וואס ער האט געהערט, אז ער האט צוליב דעם געטוישט זיין לעבן. וואס האט געמאכט יתרו זיין ערפאלגרייך? ער האט אויסגעהערט! און א גוטער צוהערער וואקסט אויס גרויס!

דאס איז וואס די חז"ל זאגן: אויף יתרו גייט ארויף דער פסוק, **אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים** - א מענטש מיט אן אויער וואס הערט צו די מוסר פון לעבן (משלי טו:לא). אנווייזונגען, מעסעדזשעס, קומען נאכאנאנד, נאר מערסטנס פון אונז זענען נישט אינדערהיים עס אריינצונעמען. אבער יתרו איז געווען דערביי; זיינע אויערן זענען געווען אפן און זיין מח האט אויסגעהערט; ער האט אריינגענומען די מעסעדזשעס. און דערפאר ווען ער האט געהערט וואס עס גייט פאר, איז עס נישט געווען סתם וואסער אונטער'ן בריק. אה ניין, ער איז געווארן באאיינדרוקט! ער איז געווארן אזוי באאיינדרוקט אז ער איז איבערגעמאכט געווארן. ער האט געהאט אזא אפענער אויער, אז ער איז גרייט געווען צו איבערדרייען זיין לעבן פון אונטן ארויף צוליב די מעסעדזשעס וואס ער האט געהערט.

## פארשטאפטע אויערן

למעשה, עס נעמט צייט צו באקומען אזא אויער וואס יתרו האט געהאט. געוויסע מענטשן האבן נאר אן אויער פאר טעלעוויזיע וויצן; זיי זיצן יארן און יארן אויסהערנדיג די נאראנים וואס רעדן צו זיי פון א קעסטל, איז פריער אדער שפעטער פארלירן זיי זייערע אויערן - אין זייערע קעפ ווערט א מיש-מאש פון געדאנקען. נישט נאר מענטשן וואס הערן טעלעוויזיע אדער ראדיא - דאס מיינט זיכער אז דו האסט נישט קיין אויער - אבער אפילו די בעסערע מענטשן, מענטשן וועלכע טוען נישט דאס, פארלירן זייער חוש השמיעה. זיי גייען צו חתונות, צו בר מצוה'ס, אדער אנדערע פלעצער, און זיי זיצן און הערן פלאפלערייען - אזעלכע זאכן ברענגען דערצו אז דער חוש השמיעה זאל ווערן פארטעמט.

דו מיינסט אז דו האסט אויערן אבער זיי זענען מער נישטא. דאס גאנצע וואס דו קענסט הערן זענען נארישע זאכן. דו האסט ליב צו באקומען עפעס א קיצל אדער הערן דיין לויב - אלעס אנדערש מאכט נישט קיין איינדרוק אויף דיר. דאס זענען צוויי אויסוואלן, עס גייט נישט אינאיינעם. איז ווען דו הערסט גוטע זאכן, גייט עס אריין אין איין אויער און ארויס פון צווייטן - ס'מאכט אינגאנצן נישט קיין איינדרוק אויף דיר.

## די אינערליכקייט פון אן אויער

דאס מיינט, אז מיר אלע דארפן אנהייבן לערנען ווי אזוי צו הערן! מיין נישט אז דו קענסט עס שוין, ווייל ס'איז א פאך וואס מ'דארף קונה זיין; עס קומט נאר נאך ערנסטע טרענירונג, פון פארשטיין אז **אֹזֶן** - וואס איז אן אויער? **שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים** - ס'איז בלויז אן אויער אויב עס

האט די מעגליכקייט צו צוהערן צו די אנווייזונגען אין לעבן. אנדערש איז עס בלויז א צוגעלייגטע שטיקל, עפעס וואס הענגט אראפ ביי די זייטן פון דיין קאפ.

איך וויל אייך באצייכענען איינע פון די ווערטער פון דוד המלך: **זֶבַח וּמִנְחָה לֹא חָפַצְתָּ** - באשעפער, דו ווילסט נישט אונזערע קרבנות, **אָזְנַיִם כָּרִיתָ לִּי** - עס זענען די אויערן וואס דו האסט אויסגעגראבן פאר מיר וואס דו ווילסט (תהלים מ:ז). אוודאי, וויל דער באשעפער יא אונזערע קרבנות אבער דוד זאגט אז טראץ ווי חשוב א זבח און א מנחה איז, טוט דער פירונג פון **שמע ובא** - פון הערן געוונג גוט אזוי אז דיין לעבן זאל געטוישט ווערן, פארמינערן די חשיבות פון א קרבן אזוי אז ס'מאכט עס אויסזען ווי **לֹא חָפַצְתָּ**, ווי גלייך דער באשעפער באגערט דאס נישט!

"און וואס איז דאס וואס דו באגערסט מער ווי מיינע קרבנות?" פרעגט דוד, "**אָזְנַיִם כָּרִיתָ לִּי** - דו האסט אויסגעגראבן אויערן אין מיין קאפ." עס שטייט נישט 'די אויערן וואס דו האסט מיר געגעבן,' נאר דוד המלך דריקט זיך אויס, 'עס זענען די אויערן וואס דו האסט אויסגעגראבן אין מיין קאפ, וואס דו באגערסט באמת.' דאס איז א חידוש צו מערסטנס מענטשן, אז זייערע אויערן זענען נישט סתם אויערן; זיי זענען טונעלן וואס ברענגען די ווערטער וואס דו הערסט צו די מערסטע סענסיטיווע ארט אין דיין קערפער - צו דיין מח.

און אזוי, פון יתרו'ס אויסשטייגן צו גרויסקייט הייבן מיר אן צו פארשטיין אז הערן מיינט עפעס אינגאנצן אנדערש פון וואס די וועלט טראכט - דאס מיינט צו זיין אזוי סענסיטיוו, צו זיין גענוג וויליג זיך צו אויסארבעטן אלס א נייער מענטש, צו קומען צו א נייע לעבן. דאס איז וואס מיינט הערן. דאס מיינט, אז אויב דו ליינסט עפעס אדער דו הערסט עפעס ערגעץ און עס מאכט אן איינדרוק אויף דיר אויף דעם ריכטיגן אופן, דאן האסטו קונה געווען אן **אֹזֶן שֹׁמַעַת**; האסטו קונה געווען אן 'אויער פון הערן', פונקט ווי יתרו האט געטון.

# חלק ב. צוהערן מוסר

## די באהאלטענע אנווייזונגען

אלזא, דער פסוק וואס די חכמים האבן צוגעשטעלט צו יתרו, **אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים** - אן אויער וואס הערט צו מוסר פון לעבן, דארף מען מער גרונטליך פארשטיין. ווייל ווער איז דער וואס האט גע'מוסר'ט יתרו? צי מיינט איר אז איינער איז געקומען צו אים און אים אנגעכאפט ביי די פלייצעס און געזאגט, "יתרו! קוק וואס איז געשען צו פרעה. דער באשעפער ווייזט דיר דא עפעס!" צי האט איינער געשריגן אויף אים, "טו תשובה!ווארף אוועק די געצנדינעריי! גיי באהעפט זיך צום אידישן פאלק!"

ניין! פונקט פארקערט, יעדער ארום אים האט אים געזאגט, "ס'איז ווערד צו דינען צו די עבודה זרה און מען דארף איבערבעטן די עבודה זרה." דאס איז וואס איז גערעדט געווארן אויף די גאסן אין מדין. "די עבודה זרה איז אונזער רעטער. די עבודה זרה איז אונזער אויסלייזער!" אלע גרויסע זאכן זענען צוגעשטעלט געווארן צו די עבודה זרה. קיינער האט נישט געזאגט פאר יתרו אז דאס איז נישט גוט און דערפאר, וואו פאסט זיך אריין דער פסוק צו יתרו, **אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים** - אז ער האט געהאט אן אויער וואס האט צוגעהערט צו די מוסר אין לעבן?

דער ענטפער איז, אז יתרו האט געהערט מעסעדזשעס; ער האט געהערט אז פרעה איז דערטראנקען געווארן אין וואסער און נאך אנדערע זאכן - מלחמת עמלק, מתן תורה. ער האט געהערט רמזים, דאס אלעס. אבער יתרו איז געווען אנדערש ווי אנדערע מענטשן; ער האט נישט פארפאטשקעט זיינע מעגליכקייטן פון בלויז לאזן אריינגיין אין איין אויער און ארויסגיין פון די אנדערע. ער האט אנגעהויבן טראכטן פון די השפעה וואס עס דארף לאזן אויף זיין אייגן לעבן, וואס עס זאגט צו אים. און צוליב דעם, ווייל ער האט צוגעהערט צו די רמזים מיט זיין קאפ, דאס האט אים געמאכט גרויס.

## אננעמען מוסר

אלזא, אויב מיר נעמען דעם ביישפיל פון וואס ווערט ערקלערט אויף יתרו, זעען מיר אז דער ענין פון אויסהערן באציט זיך נישט נאר צו פעלער ווען איינער רעדט צו דיר קלארע רייד. ווען שלמה המלך האט געזאגט (משלי א:ח) **שְׁמַע בְּנִי מוּסַר אָבִיךָ** - "הער צו מיין זון צו די מוסר פון דיין פאטער," מיינט עס נישט אז ווען דיין טאטע שלעפט דיר און געבט דיר א פאטש אין פנים און דאן הערסטו צו, מיט דעם ערפילסטו די רייד פון שלמה המלך. אין אמעריקע, אויב הערסטו דאס צו איז עס שוין א מעלה וואס דארף ווערן אויסגעלויבט, אבער נישט דאס איז וואס שלמה זאגט דא.

אוודאי טארן מיר נישט אוועקמאכן אזעלכע מוסר; א גוטער פאטש אדער אפאר ווערטער שארפע קריטיק איז טייער ווייל אנדערש וועסטו נאכאנאנד באקומען פאלשע מעסעדזשעס. דו ווערסט נאכאנאנד פארפירט! קיינער זאגט דיר גארנישט! אפשר אמאל אמאל ווערט ביי דיר א מזל'דיגע מאמענט און דיין ווייב ווערט ברוגז און לאזט זיך הערן מיט דיינע עוולות; אהה! א דיאמאנט! אבער מערסטנס מענטשן זענען צו 'מענטשליך' דיר צו זאגן דעם אמת. אפילו דער רב אין דיין שול; וואס קען ער דיר שוין זאגן? ער האט מורא אז דו וועסט אנטלויפן צום שול ביים אנדערן עק גאס; ער וועט דיר מער נישט זען. און דערפאר, אויב ביסטו אמאל מזל'דיג אז איינער רעדט צו דיר דירעקט, איז נישטא קיין ספק אז דיינע אויערן זאלן זיין אויסגעארבעט צו קענען אויסהערן.

## צוהערן צו רמזים

אבער דאס איז נאר א טייל פון די מעשה. צוהערן מיינט צו האבן אויערן וואס כאפן אויף די רמזים, דערהערן די מעסעזשעס. דאס מיינט אז דו ווילסט הערן זאכן, אז דיינע אויערן זענען אפן צו הערן זאכן וואס וועלן טוישן דיין וועג פון טראכטן, דיין וועג פון לעבן. דאס מיינט אז דו ווילסט דערגיין מיט דיין גאנצע מעגליכקייט וואס איז דער דעת תורה אויף דיין לעבן. "איך גיי אויף דעם ריכטיגן דרך אין לעבן?" "צו זענען מיינע מידות ווי עס דארף צו זיין?" "ערפיל איך מיינע פליכטן אין א וועג וואס וועט מיר צוניץ קומען אויף יענע וועלט?"

דאס איז וואס עס מיינט אמת'ע צוהערן. **שְׁמַע בְּנִי** - "הער צו מיין זון," מיינט צו נאכטון יתרו דורך ווערן א מענטש וואס ווייסט ווי אזוי צו הערן. דאס באדייט דער געהויבענער פסוק וואס אידישע קינדער זאגן שטענדיג - **שְׁמַע יִשְׂרָאֵל** - דאס מיינט, מיר זענען ערוואַרטעט צו זוכן די אנווייזונגען ווי אזוי צו פירן אונזער לעבן.

מיר רעדן נישט יעצט איבער די הלכות וואס יעדער איד דארף צו וויסן; אז עס איז אסור צו שערן דעם בארד מיט א גאלמעסער. מיר רעדן נישט נאר פון היטן שבת אדער זאגן ברכות אויף עסן. דאס זענען די יסודות'דיגע זאכן - דאס פארשטייט מען אן זאגן. אבער אפילו אידן וואס היטן אלעס מוז וויסן אז עס איז דאך מעגליך אז זיי היטן נישט א גרויסן טייל פון די תורה. זיי הערן נישט צו צו די תורה. אנשטאט, הערן זיי נאר וואס זייערע שכנים זאגן. זיי הערן נאר צו צו וואס עס איז די אויבערפלעכליכע אנגענומענע אידישקייט ביים ציבור. און דאס איז פארוואס מען קען טרעפן אזויפיל שומרי תורה ומצוות וואס זענען טויב צו די מעסעדזשעס פון די תורה.

## לערנען מוסר

אלזא, איינע פון די וויכטיגסטע אופנים פון הערן מעסעדזשעס היינט צוטאגס איז דורך לערנען ספרי מוסר. די מוסר ספרים זענען פול מיט מעסעדזשעס וואס רעדן צו יעדן; זיי רעדן אין נאמען פון באשעפער און זיי זענען אנגעפילט מיט מוסר און עצות און הדרכה. פאר דעם ערליכן תורה איד וואס וויל הערן די מעסעזשעס פון ווי אזוי צו פאררעכטן זיינע עוולות, ווי אזוי צו אויסגלייכן זיינע קריצעדיגע עקן לויט די תורה'דיגע יסודות, זענען די ספרי מוסר געוואלדיגע מקורות דערפאר.

אבער בלויז צו לערנען די ווערטער, דאס איז נישט גענוג. מ'קען אמאל טרעפן אידן וואס זענען אזוי איבערגענומען ווען זיי קוקן אין אזא ספר. פארוואס? ווייל זיי זעען אין די רייד אן אפשפיגלונג פון אלע זייערע גוטע זאכן. זיי טרעפן זיך אפט מסכים זיין מיט וואס דער מחבר האט דארט געשריבן - די גוטע זאכן: 'דאס איז ריכטיג, דאס איז ריכטיג,' טראכטן זיי, 'דאס בין איך.' און אויב זיי וועלן זיך אמאל אנטרעפן מיט עפעס וואס זעט אויס צו זיין פארקערט פון זייער אויפפירונג, וועלן זיי נישט פארברענגען צופיל צייט אויף דעם שטיקל, זיי גייען ווייטער.

## עס איז נישט וויסנשאפט

דאס ווערט נישט גערופן 'צוהערן'. דאס מיינט ליינען. דו לערנסט אפשר, אבער עס איז זיכער נישט 'וישמע'. מערסטנס מענטשן האבן א צוגאנג ווען זיי לערנען מוסר, אז זיי פראבירן צו קונה זיין ידיעות, צו איינזאפן אינפארמאציע. זיי באטראכטן עס ווי וויסנשאפט, עפעס וואס זיי קענען נאכזאגן. זיי וועלן אפילו איבער'חזר'ן די ווערטער אפט מיט א פליסיגקייט צו ווייזן אז זיי קענען עס גוט.

אבער דאס איז נישט גענוג ווייל אזוי ווייניג דרינגט פאקטיש אריין אין די קאמערן פון דיין מח, אין דיין נשמה. דערפאר קען דערנאך פאסירן שפעטער אין לעבן, ווען דו לערנסט עס נאכאמאל איבער, אז דו וועסט טראכטן, 'פארוואס האב איך דאס נישט פארשטאנען ווען איך בין געווען יונגער? פארוואס האב איך פארפאסט אזא וויכטיגער געדאנק?' און דער ענטפער וועט זיין, אז דו האסט עס געלערנט צו אויבערפלעכליך; דו האסט נישט צוגעהערט - דו האסט נישט אנערקענט אז די ווערטער האבן גערעדט צו דיר.

## רעדן צו זיך אליין

א גוטער צוהערער האט זיינע אויערן אפן; ער ווארט צו הערן עפעס וואס רעדט צו אים. דאס איז וואס דער רמב"ן שרייבט אין זיין באוואוסטן איגרת, דער בריוו וואס ער האט געשריבן צו זיין

זון: **וְכַאֲשֶׁר תָּקוּם מִן הַסֵּפֶר - תְּחַפֵּשׂ בַּאֲשֶׁר לָמַדְתָּ אִם יֵשׁ בּוֹ דָבָר אֲשֶׁר תּוּכַל לְקַיְּמוֹ** - און ווען דו שטעלסט זיך אויף פון לערנען אין א ספר טראכט, 'ווי אזוי קען איך דאס צופאסן צו מיין אייגן לעבן?'

דאס מיינט נישט נאר ווען דו שטייסט אויף. דו זיצט נאך אויף דיין ארט, אבער נאכ'ן ליינען א שורה אדער שטיקל, טראכסטו פון זיך אליין, פון דיין אייגענע אויפפירונג. באלד ווי דו הערסט עפעס, באלד ווי דו ליינסט עפעס, טראכסטו שוין, 'אפשר איז דאס איך?! צי דען טו איך דאס נישט נאכאנאנד? איך בין דער צו ווענען ער רעדט! איך דארף זיך נעמען אין די הענט אריין.' ווייל דאס איז וואס דו זוכסט; דו ווייסט אז צו דעם זענען דא די ספרים; זיי רעדן צו דיר, ווארטנדיג דו זאלסט צוהערן.

אה, דאס איז שוין א צוהערער; דאס איז א מענטש וואס שפאנט אין די פיסטריט פון יתרו. דו הערסט די ווערטער וואס זענען געצילט צו דיר און דו זוכסט עס צו צושטעלן צו דיין לעבן, צו דיינע אייגענע מידות. דאס איז דער איינציגסטער וועג צו מצליח זיין, ווייל **אִם אָדָם לֹא יְעוֹרֵר אֶת נַפְשׁוֹ מַה יוֹעִילוּהוּ הַמּוּסָרִים** - אויב א מענטש וועט זיך אליין נישט "מוסר'ן", ער וועט זיך נישט ערוועקן, וואס וועט די מוסר וואס ער האט געלערנט אים העלפן? (שערי תשובה ב:כו).

## די מוסר באוועגונג

דערפאר איז הגאון רבי ישראל סאלאנטער'ס שיטה אין לערנען מוסר געווען זיך אראפצוזעצן און זאגן א מאמר חז"ל נאכאמאל און נאכאמאל צו זיך אליין, פיל, פיל מאל. ער פלעגט צוזאמרופן מענטשן, געוועגליכע בעלי בתים, אין א מוסר שטיבל אין אוועגט און זיי האבן זיך אראפגעזעצט און יעדער האט אויסגעוועלט א מאמר חז"ל און עס געזאגט הויך, נאכאמאל און נאכאמאל. יעדער איינער האט איבערגע'חזר'ט זיינע ווערטער הויך, הויך! הויך! ביז ביים סוף פון אווענט האבן זיי געשריגן. זיי זענען געווארן אזוי פול מיט התלהבות איבער די ווערטער וואס זיי האבן אריינגענומען אין זיך, אז זיי האבן געשריגן. די מענטשן וועלכע האבן פארלאזט דעם פלאץ זענען געווען אנדערע מענטשן ווי די וועלכע זענען געקומען ביים אנהייב פונעם אווענט. עס האט זיי אינגאנצן געטוישט.

ווען איך בין געקומען קיין סלאבאדקע, האב איך דאס מיטגעלעבט - איך האב געזען ווי זיי לערנען איין שורה פאר א האלבע שעה יעדע נאכט. דאס איז געווען דער מוסר סדר. די זעלבע שורה, פאר א האלבע שעה! און מוצאי שבת נאך שלש סעודות זענען מיר אלע געזעסן אין די טונקל. עס זענען נישט געווען קיין לעקטערס אין ישיבה און אזוי זענען מיר געזעסן אין די טונקל און יעדער פון אונז האט געזאגט א שורה פאר זיך הויך. העכער און העכער און העכער און העכער. ביים סוף, האט יעדער געשריגן. די גאנצע ישיבה האט געשריגן! אונזערע אלע כוחות, אונזער גאנצע ענערגיע איז אריין אין די איינע שורה.

איך מוז אייך זאגן אז דאס איז א געוואלדיגע איבערלעבעניש. מיר האבן זיך קאנצענטרירט אויף די ווערטער און מיר האבן אנגעהויבן שפירן וואס די ווערטער זאגן. וואס זאגן מיר די ווערטער? דו הייבסט אן צו צוהערן די ווערטער. אה, דו הערסט צו יעצט!

איך אליין געדענק געוויסע זאכן וואס איך האב אלעמאל געוואוסט פריער, אבער צוליב די מוסר סדרים אין ישיבה האט עס באלויכטן מיין מח און פון דאן און ווייטער האב איך עס מער

קיינמאל נישט געקענט פארגעסן. ס'איז געווען ווי זיך איינצוטינקען אין א מקוה, א מקוה פון פייער, פון קדושה. איין שורה פאר א שעה! ס'האט עלעקטריזירט! א גאנצע שעה אין דער טונקל!

## מוסר אין אמעריקע

דאס איז געווען א געוואלדיגע דערגרייכונג! און עס איז א דערגרייכונג וואס איז צוגענגליך צו יעדן איינעם פון אונז. דער גייסט פון מוסר ווארט. עס איז נויטיג אין אמעריקע מער ווי סיי ווען פריער, כדי צו ערוועקן די גרויסקייט וואס ליגט באהאלטן אין יעדן איד. איר מוזט וויסן, יונגע מענער און פרויען היינט צוטאגס זענען דורשטיג. נישט נאר פאר גמרא. אוודאי דארפן די מענער גמרא, זיי דארפן לומדות. אבער יעדער זוכט דעם מעסעדזש וואס וועט טראנספארמירן זיין רצון צו דינען דעם באשעפער, אין פאקטישע מחשבות און מעשים, אין געפילן און התלהבות צו עבודת ה'. עס איז דא א דורשט פאר אמת'ע עבודת ה' אין היינטיגן דור. מענטשן דורשטן דערפאר אבער מען דארף וויסן וואס צו טון, וואס צו טראכטן. דערפאר דארף מען אויסהערן די שיעורים. נישט נאר דא. עס זענען דא אסאך בעסערע ערטער ווי דא. אבער סיי וואס זאל זיין, איז עס פון גרעסטן וויכטיגקייט אז מענטשן זאלן צוריק אויפלעבן דעם גייסט פון מוסר אין זייער אייגענע לעבן.

נישט נאר אינגלעך, נישט נאר מענער. ווי דער גר"א פלעגט זאגן צו זיינע טעכטער; ער האט זיי געזאגט אז זיי זאלן שטענדיג לערנען מוסר ספרים - די גרויסקייט פון מוסר איז צוגענגליך פאר יעדן. אויב א מיידל לערנט די אלע זאכן דאן איז זי א גאון; זי ווערט באטראכט ווי גלייך זי וואלט אויסגעוואקסן א גדול הדור; זי האט געלערנט איר תורה, זי האט דערגרייכט צו הצלחה גארנישט ווייניגער ווי דער גרעסטער תלמיד חכם.

## יסודות'דיגע מוסר ספרים

אלזא, וואספארא סארט מוסר? איך וואלט פארגעשלאגן, אויב ווילסטו באמת ארבעטן אויף זיך, צו לערנען מסילת ישרים. דאס איז פול מיט ידיעות; ס'איז אן אוצר פול מיט דיאמאנטן. אפילו אויב דו לערנסט דעם מסילת ישרים בלויז איין מאל, ביסטו שוין אינגאנצן אן אנדערער מענטש. איך פערזענליך האב דורכגעלערנט דעם ספר פיר מאל און אצינד לערנען מיר עס צוזאמען אין א שיעור צווישן מנחה און מעריב. דאס איז א געלעגנהייט פון וואס יעדער זאל מאכן נוצן און זיך באטייליגן דערין. איך גאראנטיר אז אויב דו לערנסט מסילת ישרים מיט מיר פון אנהייב ביז'ן סוף וועסטו ארויסקומען אן אנדערער מענטש.

אויב קענסטו נישט קומען, דאן שטרענג זיך אן צו האבן אן אייגענער סדר, א באשטימטע צייט ווען דו לערנסט מסילת ישרים. למעשה, דו קענסט האבן א געשמאק אין אנדערע ספרים, איך זאג נישט אז נישט, אבער מסילת ישרים איז בדוק ומנוסה. עס זענען געווען דורות וואס האבן מצליח געווען א דאנק דעם ספר.

אויך דער רמב"ם - יעדער דארף צו לערנען זיינע ספרים הלכות יסודי התורה, הלכות תשובה און הלכות דעות. אזוי אויך דער רבינו יונה'ס שערי תשובה און דער חובת הלבבות זענען געוואלדיגע הדרכה ספרים. אנדערע ספרים זענען אויך וויכטיג אבער די וועלכע איך האב דא דערמאנט, מיין איך דארפן זיין די פאנדומענטאלע ספרים צו לערנען.

צו עפענען ספרים און צוהערן צו זייערע הדרכות און עס ארייננעמען אין זיך, איז איינע פון די בעסטע אופנים פון 'צוהערן', וואס איז צוגענגליך פאר אונז היינט. ס'איז ריכטיג, יתרו איז געווען א גרויסער מענטש און ער האט געקענט צוהערן נישט פארמאגנדיג אזעלכע ספרים אבער פאר אונז היינט, מוזן מיר לערנען מוסר ווייל דאס איז דער וועג צו אנטוויקלען א גענצליך נייער צוגאנג וואס וועט אונז פירן אין לעבן. זאג נישט, "איין טאג וועל איך עס טון." יעצט איז די בעסטע צייט צו אנהייבן. טו עס שוין יעצט, ווייל דאס איז וואס דער באשעפער וויל פון דיר.

# חלק ג. רעזולטאטן פון צוהערן

## טירן וועלן זיך עפענען

אלזא, איך פארשטיי אז דאס וואס מיר רעדן דא איז נישט אזא פשוט'ע זאך אויסצופירן; טרעפן די פאסיגע ספרים וואס רעדן צו דיר און דערנאך זיך איינגעוואוינען צו צוהערן צו די רייד וואס קריטיקירן דיר און ברענגען ארויס דיינע עוולות, דאס איז נישט גרינג - עס פאדערט עבודה; א מענטש דארף הארעווען צו קונה זיין דעם בליק אז וואס ס'איז געשריבן אין די ספרים איז א מעסעדזש וואס דער באשעפער רעדט צו אים דירעקט. אבער איינמאל דו הייבסט אן גיין אויף דעם וועג, וועט דער באשעפער עפענען טירן פאר דיר.

דאס איז וואס האט פאסירט צו יתרו; ער האט זיך טרעבירט צו קונה זיין א חוש פון הערן. און דערפאר, טראץ וואס יעדער איינער אנדערש האט אויך 'געהערט', האט אבער קיינער נישט געהערט וואס יתרו האט געהערט ווייל קיינער האט נישט צוגעהערט. **וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ** - און יתרו האט געהערט, מיינט אז עס איז געווען איין מענטש א אויסנאם וואס האט צוגעהערט. און ווייל ער האט אוועקגעגעבן צייט צו טראכטן פון וואס ער האט געהערט, האט ער דערביי קונה געווען געוואלדיגע זאכן.

דאס מיינט דער פסוק וואס די חז"ל האבן צוגעשטעלט צו יתרו: **אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים** - דער אויער וואס הארכט די מוסר פון לעבן, **בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין** -וועט וואוינען צווישן די חכמים - ער האט געטראפן דעם וועג צו מער געלעגנהייטן ווייל **בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לָלֶכֶת מוֹלִיכִין אוֹתוֹ** - אויף דעם וועג וואס א מענטש וויל גיין, העלפט אים דער באשעפער אנקומען דערצו. ווען דו ווייזט אן אינטערעס אין הערן, זאגט דער באשעפער, "איך זע דו ביסט אינטערעסירט אין צוהערן מוסר, וועל איך דיר געבן א שטופ דערצו; איך וועל דיר מוטיגן מיט נאך געלעגנהייטן צו צוהערן."

## א גוטער ספר אדער א שכן

ווי אזוי וועט דאס פאסירן? איך קען נישט זאגן פונקטליך. עס קען פאסירן אויף פארשידענע אופנים. דו קענסט אנטרעפן א גוטן ספר. אמאל קען א מענטש'ס לעבן געטוישט ווערן ביים אנטרעפן א גוטן ספר. נישט נאר אז ס'איז א גוטער ספר, נאר ער באהעפט זיך דערצו. ס'איז א מערקווירדיגע זאך ווי אזוי געוויסע בחורים זענען שולדיג זייער גאנצע אידישקייט א דאנק א געוויסער ספר וואס זיי האבן אנגעטראפן ווען זיי זענען געווען יונג. עס קען זיין אז נאך פיל מענטשן האבן געזען דעם זעלבן ספר אבער עס האט גארנישט פאסירט מיט זיי. אבער מן

השמים, ווי א מתנה צו דער מענטש וואס האט א רצון צו צוהערן, זענען די הדרכות פון דעם ספר אריינגעדרונגען אין אים און געטוישט זיין לעבן.

אנדערע געלעגנהייטן קענען אויך אריינפאלן אין דיין שויס. אפשר וועט זיך אריינציען טיר ביי טיר נעבן דיר א פיינער איד, לאמיר זאגן א סאטמארער, אדער עפעס אן אנדערער חסיד, אדער סיי וועלכער תלמיד חכם. דאס איז א ברכה, א מתנה פון הימל. און דאן, יעדן אינדערפרי ווען דו גייסט ארויס אין גאס טרעפסטו אים אן. ער רעדט צו דיר געציילטע ווערטער, וואס דאס איז ווערד ווי דיאמאנטן. אפאר ווערטער פון אן אמת'ער תלמיד חכם איז ווערד פאר דיר ווי דיאמאנטן. און אפשר וועט זיין ווייב אדער זיינע קינדער זיך באפריינדן מיט דיין פאמיליע, מיט דיינע קינדער.

עס זענען דא נאך וועגן ווי אזוי דו קענסט דערגרייכן צו ווערן פון די גרויסע לייט. הרבה דרכים למקום - דער באשעפער האט פיל וועגן צו נעמען א מענטש וואס ווייזט שוין אן אינטערעס אין צוהערן און אים פירן בקרב חכמים. סיי וואס עס זאל זיין, **אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין** - דער מענטש וואס וויל הערן די קריטיק פון לעבן וועט צום סוף אנקומען צו זיין צווישן די קלוגע לייט.

## אנטרעפן א רבי

ווי אזוי האט עס פאסירט מיט הגאון רבי ישראל סאלאנטער? איך האב אייך שוין דערציילט אמאל די מעשה. רבי ישראל סאלאנטער האט געלערנט תורה אין סאלאנט, א קליינע שטעטל. אבער ער איז געווען אן ערנסטער בחור, ער איז געווען ערנסט אין זיין שטרעבן צו זיין אן עובד ה', זיך אויסצוארבעטן. ער האט געוואלט צוהערן אבער וויפיל קען שוין א בחור וויסן? איז וואס האט דער באשעפער געטון? א וואונדערליכע זאך! דער באשעפער האט אים צוגעפירט אין אט די קליינע שטעטל צו איינער פון די גרעסטע גדולים פון יענעם דור.

אין יענע שטעטל איז געווען א מענטש וואס האט אויסגעזען ווי א געווענליכער איינוואוינער; ער האט זיך געקליידט ווי א פשוט'ער ארעמאן; הגאון רבי יוסף זונדל. ווען רבי יוסף זונדל איז אריבערגעגאנגען דעם מארק פלאץ און א שכן האט אים געפרעגט, "רבי יוסף זונדל, איך וויל אפקויפן דעם פערד פון דעם גוי, קענסטו מיר זאגן אויב עס איז א גוטער פערד?" האט רבי יוסף זונדל זיך געפירט ווי גלייך ער וואלט געווען א געווענליכער פשוט'ער איינוואוינער. ער האט אויפגעהויבן דעם פערד'ס קלאען און עס באקוקט, ער האט געעפנט דעם פערד'ס מויל און באטראכט זיינע ציינער - דאס איז אן אמת'ע מעשה - און ער האט געזאגט זיין מיינונג. ער האט אויסגעזען ווי ער וואלט געווען א מענטש פון צווישן די מאסן; ער איז געווען א גרויסער מענטש אבער ער איז נישט געווען אנערקענט ביי מענטשן - קיינער האט נישט געוואוסט פון אים.

אבער רבי ישראל, ווייל ער האט געשטרעבט צו צוהערן און ווערן בעסער, האט דער באשעפער אים געהאלפן באמערקן וואס אנדערע מענטשן האבן נישט באמערקט. ער האט באמערקט אז ווען רבי יוסף זונדל גייט אין גאס, רעדט ער צו זיך. ער האט געוואוסט אז רבי יוסף זונדל איז נישט סתם א נארישער מענטשן און דערפאר, ווען רבי ישראל האט באמערקט אז ער רעדט און מאכט תנועות ווי גלייך ער דריקט זיך אן און שטרענגט זיך אן, האט רבי ישראל פארשטאנען אז עפעס ליגט דערין.

## מאכטפולע ווערטער

און ער איז געווען אינטערעסירט און ער האט אים אנגעהויבן נאכפאלגן; ער איז אים נאכגעגאנגען ביז אינדרויסן פון שטעטל. בשעת רבי יוסף זונדל האט דורכשפאצירט די פעלדער, איז רבי ישראל נאכגעגאנגען הינטער אים, נאכקוקנדיג זיינע וועגן. ער האט אים נאכגעקוקט פונדערווייטנס און ער האט געהערט ווי רבי יוסף זונדל רעדט: "יוסף זונדל! טו דאס נישט! דאס איז נישט ריכטיג! טו דאס!"

דאס האט פאסירט מערערע מאל, ווען ענדליך האט רבי יוסף זונדל, ער האט באמערקט דעם בחור וואס גייט נאכאנאנד הינטער אים. ענדליך האט ער פארשטאנען אז דאס איז נישט סתם נייגעריגקייט; ער האט געזען אז דאס איז א בחור פון בעסערן קוואליטעט. האט ער אים צוגערופן און אים געזאגט אפאר ווערטער: "ישראל! דו ווילסט ווערן א ירא שמים? לערן מוסר!"

רבי ישראל האט שפעטער איבערדערציילט אז די ווערטער זענען אריין ווי א שפיז אין זיין הארץ. פון יענעם טאג אן, האט ער אנגענומען רבי יוסף זונדל אלס זיין רבי און ער איז געווארן אן אנדערער מענטש. יעדער וואס ווייסט פון רבי ישראל סאלאנטער ווייסט אז ער איז אויסגעשטיגן צו זיין א וועלטס מנהיג צוליב זיין אנטרעפן דער גרויסער מענטש.

## פארדינט די מתנה

אבער פארוואס איז דאס אז דער באשעפער האט געפירט רבי ישראל'ס טריט צו רבי יוסף זונדל? פיל מענטשן האבן זיך געפונען אין דעם שטעטל; לומדי תורה, עלטערע תלמידי חכמים און קיינער האט נישט אנטדעקט דעם גדול. וואס האט געמאכט רבי ישראל פאר דער אויסדערוועלטער? דער ענטפער איז, אז רבי ישראל איז געווען א צוהערער און ווען דער באשעפער זעט איינעם א צוהערער, העלפט ער אים נאך בעסער קענען צוהערן.

דערפאר זענען מיר אז יתרו איז געווארן דער שווער פון דעם בעסטן איידעם אין די היסטאריע. איר ווייסט, משה רבינו איז געווען א מתנה וואס סיי וועלכער אידישער מיליאנער וואלט אלעס אוועקגעגעבן דערפאר. יעדער וואלט גרייט געווען אפילו צו ווערן אן ארעמאן צו קענען קויפן אזא איידעם. און דאך, קיינער האט אים נישט באקומען אויסער דער מענטש וואס איז פריער געווען א גוי'שער גלח פאר די עבודה זרה. דאס איז א מערקווירדיגע מעשה!

איר דארפט לייגן אויפמערקזאמקייט צו דעם! צי וואלט נישט משה רבינו געקענט זיין דער איידעם פון אן אמת'ער אייניקל פון אברהם, יצחק און יעקב? דאס אידישע פאלק האט געמאנגלט אין פיינע מיידלעך אין די הונדערטער און טויזנטער?! צי איז עס געווען א צופאל אז עס זאל אזוי פאסירן אז יתרו האט זוכה געווען צו האבן משה רבינו, אונזער גרעסטער מנהיג, אין זיין הויז? דאס איז א וואונדערליכע פאסירונג.

## א וואונדערליכער גאסט

דאס איז נאך אן אויספיר פון דער פסוק: **אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים** - ווייל יתרו האט אנטוויקלט אן אויער וואס האט צוגעהערט צו מוסר, דערפאר האט אים דער באשעפער געהאלפן. "אויב דאס איז דער פאל," האט דער באשעפער געזאגט, "דו ווייזט מיר אז דו ווילסט זיין א צוהערער, דאן **בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין** - וועסטו וואוינען צווישן די חכמים.

שטעל זיך פאר, אויב דער בעל חובת הלבבות וואלט זיך אריינגעצויגן צו וואוינען אין דיין הויז מיט דיר. שטעל זיך פאר, אז דו האסט געלערנט חובת הלבבות פאר יארן און יארן ביז ענדליך איין טאג קלאפט ער אויף דיין טיר. דאס איז וואס האט פאסירט צו יתרו! נאר ס'איז געווען איינער גרעסער ווי דער חובת הלבבות, דאס איז געווען דער גרעסטער נביא, משה רבינו, וואס האט זיך אריינגעצויגן ביי אים!

דאס איז די גרויסע הבטחה וואס ליגט אין דעם פסוק! **בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין** - דו וועסט וואוינען צווישן די קלוגע לייט; "איך וועל זיכער מאכן," זאגט דער באשעפער, "אז דו געפינסט זיך צווישן די גרויסע השגות פון די קלוגע לייט ביז'ן סוף פון דיין לעבן." צו פארברענגען דיינע טעג מיט די השגות פון דער מסילת ישרים און דער חובת הלבבות און דער שערי תשובה און דער אורחות צדיקים און די אלע גוטע ספרים - זיי אלע וואוינען אין דיין הארץ און דו וועסט ווערן גרעסער און גרעסער פון איין טאג צום אנדערן.

## זיצן צווישן די חכמים

אבער עס איז דא נאך א באדייט צו דעם פסוק וואס איז אייניג ריכטיג: און דאס איז, אז ווייל דער באשעפער האלט זיינע אויגן אפן פאר אויסנאם מענטשן, דערפאר, אויב דו האלסט זיך דערצו, אויב דו האלטסט אין איין צוהערן, דאן **בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין** - וועסטו צום סוף וואוינען צווישן די חכמים אויך אין אנדערע וועגן. אפשר גאר וועסטו אליין ווערן א חכם!

דאס איז נאך א זאך וואס האט פאסירט צו דער גרויסער צוהערער, יתרו! וואס האט שפעטער פאסירט צו יתרו? ער איז געזעסן אויבן אן מיט משה און אהרן און אלע זקני ישראל! ווייל ער האט צוגעהערט, האבן שפעטער מענטשן צוגעהערט צו אים. מיר זעען אז דאס גאנצע אידישע פאלק, אריינגערעכנט משה רבינו, האט צוגעהערט צו אים; דער באשעפער האט אזוי געמאכט אז, כביכול, זיין קול האט ארויסגערעדט פון יתרו'ס מויל - יתרו איז געווארן דער מקור פון תורה. און די דאזיגע גרויסקייט האט זיך קיינמאל נישט אפגעשטעלט ווייל יתרו'ס אייניקלעך זענען שפעטער געזעסן מיט די סנהדרין.

דאס איז וואס די היינטיגע פרשה לערנט אונז. **שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים** - אן אויער וואס וויל צוהערן, **בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין** - וועט צום סוף דערגרייכן צו אלע סארט הצלחות. אויב ביסטו דער ריכטיגער סארט צוהערער, דאן וועסטו געפירט ווערן צו די ריכטיגע מענטשן, די ריכטיגע ספרים, די ריכטיגע השקפות. און צום סוף וועסטו אליין ווערן דער ריכטיגער מענטש! צוהערן מאכט דיר פאר דער ריכטיגער מענטש אין די אויגן פון באשעפער.

**וישמע יתרו!** דאס איז וואס האט אריינגעברענגט יתרו! ער איז געקומען צו דאס אידישע פאלק און געווארן גרויס - נצחיות'דיג גרויס. און ער איז אונזער ביישפיל פאר הצלחה. אויב מיר פארברענגען אונזערע טעג מיט צוהערן צו די 'קריטיק פון לעבן' דאן וועלן מיר אויך 'וואוינען צווישן די קלוגע'. דורכדעם וואס מיר וועלן זוכה זיין צו אלע הצלחות וואס יתרו האט קונה געווען. און נישט נאר אויף די וועלט. ווייל אין עולם הבא, איז נישטא קיין סוף צו דער כבוד וואס א צוהערער ירש'נט - ער זיצט צוזאמען מיט אלע גרויסע לייט פון אונזער היסטאריע געניסנדיג פון דער אייביגער כבוד וואס יעדער צוהערער צום דבר ה' פארדינט.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**וואס מיינט צו לערנען תורה לשמה?**

**תשובה:**

צו לערנען תורה לשמה, צום אלעם ערשטן, ווי יעדער ווייסט, מיינט אז דו ווילסט לערנען ווייל דו ווילסט וויסן, "וואס וויל דער באשעפער פון מיר? וואס ערווארט ער פון מיר?" דאס איז נומער איינס.

אבער עס מיינט נישט אז דו זאלסט בלויז האבן א גוטע כוונה. דו דארפסט אריינלייגן אן עבודה צו פארשטיין וואס דער באשעפער וויל פון דיר, דו מוזט קונה זיין א ידיעה אין דעם. ס'איז קיינמאל נישט גרינג צו וויסן מה ה' אלקיך שואל מעמך. מיין נישט אז ס'איז גרינג צו וויסן.

דערפאר, ווען דער גר איז געקומען צו שמאי און געזאגט, "לערן מיר אויף איין פוס ווי אזוי צו ווערן א איד," האט אים שמאי אנגעשריגן, "גיי ארויס פון דא! אויף איין פוס ווילסטו לערנען תורה?!"

און אפילו ווען ער איז געקומען צו הילל און הילל האט אים געזאגט, "קום, איך וועל דיר זאגן," האט אים הילל פאקטיש נישט געזאגט. ער האט אים בלויז געזאגט, "דו דארפסט וויסן אז אויב דו ווערסט זיך איינ'חזר'ן דעם כלל וואס איך לערן דיר, וועט דאס זיין דער יסוד. איך זאג דיר א כלל: 'וואס דו ווילסט נישט אז אנדערע זאלן טון צו דיר, זאלסטו נישט טון פאר אנדערע.' אלזא, דאס איז דער כלל," האט הילל געזאגט, "און דאס איבריגע זענען ערקלערונגען. ואידך פירושא — לערן דעם כלל ווייל עס דארף ערקלערונגען; איז גיי לערן."

אלזא, תורה לשמה פאדערט עבודה. און ווי א גרעסערע עבודה דו לייגסט אריין, אלס מער איז עס לשמה. מאך נישט קיין שום טעות איבער דעם. לשמה מיינט נישט אז דו לערנסט אויבערפלעכליך. עס דארף זיין מיט די שטרעבונג צו טון דעם רצון פון באשעפער, אבער עס מוז זיין מיט יגיעה, מיט עבודה אין לימוד התורה. און יעדער איד וואס לייגט אריין אן עבודה וועט מצליח צו בעסער טון דעם רצון ה'. דעם באשעפער'ס גענאד, ליגט אויף די וועלכע זוכן זיין ווילן; די וועלכע זוכן צו וויסן זיין רצון.